# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................4:23
מוצאי שב"ק....................5:50

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................זכריה י"ב-י"ג
בבלי............................נדה כ"ד
ירושלמי....................שבת ע"ד
תוספתא...................מנחות א'
רמב"ם...רוצח ושמירת נפש ח'

פרשת וירא, י"ח חשון, שנת תש"פ לפ"ק — שנה 9, גליון 8 (422)

## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**לְמַעַן אֲשֶׁר יְצַוֶּה אֶת בָּנָיו וְאֶת בֵּיתוֹ אַחֲרָיו וְשָׁמְרוּ דֶּרֶךְ ה'**

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דִי מַעֲשֶׂה אַז אֵייְנְמָאל וֶוען ר' יוּדְל פוּן דַאשִׁיב זי"ע - אֵייְנֶער פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן - אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט זַיין זוּן זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט מִיטְקוּמֶען, אָבֶּער ר' יוּדְל הָאט גֶעהַאט גוּטֶע תֵּירוּצִים פַּארְוָואס עֶר זָאל אִים נִישְׁט מִיטְנֶעמֶען, "עֶר אִיז נָאךְ צוּ יוּנְג" - הָאט ר' יוּדְל גֶע'טַעֲנָה'ט, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער דִי וֶועג וְכוּ' אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט. וֶוען עֶר אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן גֶעבְּן שָׁלוֹם - דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ אַלֶעס גֶעזֶען אוּן אַלֶעס גֶעוואוּסְט - נָאךְ פַאר עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שַׁאנְס צוּ רֶעדְן אַ וָוארְט רוּפְט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָן צוּ אִים: "אִיךְ בִּין אַ וואוּנְדֶער; דֶער טַאטֶע קוּמְט צוּ מִיר וַוייל עֶר גְלֵייבְּט אִין מִיר אוּן דֶער זוּן גְלֵייבְּט אוֹיךְ אִין מִיר, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן הַאלְט דֶער טַאטֶע אָפּ דֶעם זוּן פוּן קוּמֶען צוּ מִיר"; זֶעט מֶען אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער פוּן קִינְדְוַוייז אָן צוּ לֶעבְן מִיט זַיינֶע עֵצוֹת.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָר"ן, סִימָן רט): "אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיך גֶעטוּן" אוּן ר' נָתָן שְׁרַייבְּט (שָׁם): "וְאָמַר בְּרֶתֶת וְזִיעַ בְּהִתְלַהֲבוּת נוֹרָא", דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע פְלַאם אוּן מִיט אַ פְלַאקֶער; אַז מִיר זָאלְן זָאגְן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אַז עֶס אִיז דָא אַ רֶבִּי אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס פַארְשְׁטֵייט יֶעדְן אִיד אוּן וֶוער עֶס פָאלְגְט זַיינֶע עֵצוֹת קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מַדְרֵיגָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אֲפִילוּ אַ צַדִיק גָמוּר אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שכ): "כָּל מִי שֶׁיְּצַיֵּת אוֹתִי וִיקַיֵּם כָּל מַה שֶּׁאֲנִי מְצַוֶּה, בְּוַדַּאי יִהְיֶה צַדִּיק גָּדוֹל יִהְיֶה מַה שֶּׁיִּהְיֶה", וֶוער עֶס וֶועט מִיר פָאלְגְן אוּן טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ הֵייס וֶועט זִיכֶער וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, זָאל עֶס זַיין וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין.

נֶעכְטְן זָאגְט מִיר אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס שִׁיקְט דִי קִינְדֶער בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד, אַז עֶר זוּכְט אַ דִירָה וְכוּ' אוּן עֶר הָאט אַהֵיים גֶעבְּרֶענְגְט דִי צֶעטְלֶעךְ וָואס דָארְט שְׁטֵייעֶן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַלֶע דִירוֹת וָואס זֶענֶען עֶוֶועילֶעבְּל אוֹיפְ'ן מַארְקֶעט וְכוּ'. פְרֶעגְט אִים זַיין זוּן, אַ כִּתָּה א' אִינְגְל: "טַאטֶע, וָואס אִיז דִי צֶעטְל וָואס דוּ קוּקְסְט?" זָאגְט עֶר פַאר זַיין קִינְד: "דָא קֶען מֶען טְרֶעפְן דִירוֹת"; רוּפְט זִיךְ אָן זַיין קִינְד צוּ אִים: "טַאטֶע, דָא טְרֶעפְט מֶען נִישְׁט קַיין דִירָה, אוֹיבּ מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טְרֶעפְט מֶען אַ דִירָה!" וואוּ אִין דִי וֶועלְט הֶערְט מֶען אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן קְלֵיינֶע קִינְדֶער?!

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת מח.): "אַבַּיֵי אוּן רָבָא וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען קְלֵיינֶע קִינְדֶער, זֶענֶען זֵיי אַמָאל גֶעזֶעצְן פַאר רַבָּה, הָאט זֵיי רַבָּה גֶעפְרֶעגְט: "לְמִי מְבָרְכִין", וֶוען מִיר בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָזוֹן, צוּ וֶועמֶען בֶּענְטְשְׁן מִיר? הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "לְרַחֲמָנָא", צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. הָאט רַבָּה זֵיי וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט: "וְרַחֲמָנָא הֵיכָא יָתֵיב" וואוּ וואוֹינְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? "רָבָא אַחֲוֵי לִשְׁמֵי טְלָלָא", רָבָא הָאט גֶעוִויזְן אוֹיפְן דַאךְ, "אַבַּיֵי נָפַק לְבָרָא, אַחֲוֵי כְּלַפֵּי שְׁמַיָּא" אַבַּיֵי אִיז אַרוֹיס אוֹיפְן גַאס אוּן גֶעוִויזְן אוֹיפְן הִימְל. הָאט רַבָּה זֵיי גֶעזָאגְט: "תַּרְוַויְיכוּ רַבָּנָן הֲוֵיתוּ", בֵּיידֶע פוּן אַייךְ וֶועלְן אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים. דָאס אִיז דִי שְׁפְּרִיךְ וָוארְט וָואס מֶענְטְשְׁן דְרוּקְן זִיךְ אוֹיס: "בּוּצִין בּוּצִין מִקַּטְפֵיהּ יְדִיעַ", מֶען קֶען זֶען אוֹיף פֵּירוֹת וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גָאר קְלֵיין צִי דָאס גֵייט אוֹיסְקוּמֶען אַ גוּטֶע פְרוּכְט"; אַז קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֵוייסְן שׁוֹין אַז מֶען בֶּענְטְשְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועלְן זֵיי זִיכֶער אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה תְּצַוֶּה תשע"ח)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אַ דוּרְכְפַאל

חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קָ"כ.) אַז עֶס אִיז דָא אַמָאל וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז מַצְלִיחַ נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט קוֹדֶם גֶעהַאט אַ דוּרְכְפַאל. דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט אוּן עֶס אִיז אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, עֶר אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין זַיין אוּנְטֶערְנֶעמוּנְג, דַוְקָא דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר מַצְלִיחַ, וַוייל אַזוֹי לֶערְנְט עֶר זִיךְ אוֹיס דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וָואס עֶר זָאל יָא טוּן פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער. דֶער דוּרְכְפַאל בְּרֶענְגְט אִים גָאר צוּ זַיין הַצְלָחָה. דִי גְמָרָא זָאגְט אוֹיךְ (גִיטִין מ"ג.) "אֵין אָדָם עוֹמֵד עַל דִּבְרֵי תּוֹרָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְשָׁל בָּהֶם" - אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ אִין לֶערְנֶען, נָאר נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אַ דוּרְכְפַאל, אוּן דָאס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט אַז עֶר זָאל זִיךְ מֶער אָנְשְׁטְרֶענְגֶען.

דָאס זֶעט מֶען אוֹיךְ בְּגַשְׁמִיוּת. דֶער סְטָאלֶער וֶועט זִיךְ קוֹדֶם פִיל מָאל גוּט צוּהַאקְן דִי הֶענְט פוּנֶעם הַאמֶער, אֵיידֶער עֶר וֶועט זִיךְ גוּט דֶערְלֶערְנֶען דִי אַרְבֶּעט. וִוי לַאנְג עֶלֶעקְטְרִישָׁאן וֶועט זִיךְ גוּט אוֹיסְלֶערְנֶען זַיין פַאךְ, וֶועט עֶר אוֹיפְ'ן וֶועג נָאךְ כַאפְּן שְׁטַארְקֶע עֶלֶעקְטְרִיק-שַׁאקְס. אוּן אוֹיבּ וֶועלְן זֵיי זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן זֵייעֶר דוּרְכְפַאל אוּן הוֹיבְּן דִי הֶענְט, וֶועלְן זֵיי זִיכֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין. אוֹיבּ אָבֶּער וֶועלְן זֵיי נוּצְן דֶעם דוּרְכְפַאל אַלְס אַ לֶעקְצִיֶע צוּ וִויסְן פוּן וָואס מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, וֶועט דָאס זַיין דֶער סוֹד פוּן זֵייעֶר הַצְלָחָה.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בְּרוּחֲנִיוּת. וֶוען אַ אִיד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין זַיין עֲבוֹדַת ה', דַאן טָאר עֶר נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן אַ דוּרְכְפַאל. נָאר פַארְקֶערְט, עֶר זָאל נוּצְן דֶעם דוּרְכְפַאל זִיךְ צוּ

<<<<<<

## א גוט ווארט

זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג טְרָאגְן מִיט דִיר אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנַיוֹת'ל, אוּן וֶוען דוּ הָאסְט אַפָּאר מִינוּט זָאלְסְטוּ גוֹרֵס זַיין פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; דָאס וֶועט דִיר צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּ דִי קְדוּשָׁה. מִשְׁנַיוֹת הָאט אַ סְגוּלָה אַז עֶס שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז מִשְׁנָה אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת (תְּהִילִים ל, ד): "הֶעֱלִיתָ מִן שְׁאוֹל נַפְשִׁי"; דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זָאגְט מִשְׁנַיוֹת, נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז רַחֲמָנָא לִצְלָן אַרַיינְגֶעפַאלְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֶךְ תש"פ)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## מַיין מַאן אִיז נָאר פַארְנוּמֶען מִיט מָאוִויס, זָאל אִיךְ אִים אָפְּלָאזְן?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ מוּז זִיךְ קוֹדֶם זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּן מִיר אַזוֹיפִיל חִיזוּק אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן טָאג טֶעגְלִיךְ.

אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר צְוֵויי יָאר צוּרִיק, אוּן מַיין מַאן הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן מֶער אוּן מֶער, עֶר זִיצְט בַּיינַאכְט אוֹיף זַיין סְמַארְטְפָאן אוּן קוּקְט מָאוִויס, אִינְדֶערְפְרִי שְׁטֵייט עֶר אוֹיף שְׁפֶּעט, עֶר גֵייט נִישְׁט דַאוְוענֶען אוּן עֶר לֶערְנְט נִישְׁט, אוּן אִיךְ זֶע נִישְׁט וואוּ זַיין אִידִישְׁקֵייט אִיז, עֶס גֵייט אִים גָארְנִישְׁט אָן, אוּן דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי.

לֶעצְטְנְס שְׁפִּיר אִיךְ זֵייעֶר דֶערְוַוייטֶערְט פוּן אִים, אִיךְ עֶקְל זִיךְ פָּשׁוּט פוּן אִים. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַזוֹיפִיל מָאל אִים צוּ זָאגְן וִוי שְׁטַארְק אִיךְ שֶׁעץ וֶוען עֶר דַאוְוענְט אוּן לֶערְנְט, אוּן אִיךְ זָאג אִים אוֹיךְ עֶר זָאל לֵייגְן אַ פִילְטֶער אוֹיף זַיין טֶעלֶעפָאן, אָבֶּער עֶס הֶעלְפְט גָארְנִישְׁט.

אִיךְ זָאג אַסַאךְ תְּהִלִּים פַאר אִים, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶּער אַז אִיךְ פְּלַאץ שׁוֹין אוּן אִיךְ ווִיל אִים שׁוֹין אָפְּלָאזְן, וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, י' חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו. עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן אֵייעֶר שְׁאֵלָה; אִיךְ בִּין נִישְׁט דָא צוּ צֶעבְּרֶעכְן אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער, אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ הֶעלְפְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת אוֹיף דֶעם וָואס פַאלְט אַרַיין אִין דִי בְּלָאטֶע פוּן קוּקְן מָאוִויס; וֶוען מֶען קוּקְט מָאוִויס וֶוערְט מֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם, בִּיז עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אָפְּצוּגֶעוואוֹינֶען דֶערְפוּן. אַזוֹי וִוי דִי וָואס זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדֶען (עֶדִיקְטֶעד) צוּ דְרָאגְס, אַלְקָאהָאל וְכוּ'; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּרַייסְן דֶערְפוּן, דֶער מֹחַ וֶוערְט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט פוּן דִי אַלֶע עֶקְלְדִיגֶע שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס, בִּיז מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן נָאכְדֶעם הֵייבְּט מֶען אָן צוּ הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אִיר הָאט אֵיין עֵצָה: בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ עֶס זָאל אַרַיין גֵיין אַ רוּחַ טָהֳרָה אִין אִים, עֶר זָאל זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן דֶעם (יְשַׁעְיָהוּ נא, כא): "שְׁכֻרַת וְלֹא מִיַּיִן", וֶועט אִיר זֶען וִוי עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. תְּפִלָּה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, אַזוֹי גְרוֹיס אוּן אַזוֹי וואוּנְדֶערְלִיךְ, עֶס הֶעלְפְט אוֹיף אַלֶעס, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אַסַאךְ גֶעדוּלְד אוֹיס צוּ וַוארְטְן בִּיז דִי יְשׁוּעָה קוּמְט.

אִיךְ וֵוייס אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן בְּרֶסְלֶב'עֶ פְרוֹיעֶן אִין אוּנְזֶער דוֹר, וָואס הָאבְּן גֶעהַאט סַבְלָנוּת צוּ זֵייעֶרֶע מֶענֶער. זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט דִי זֶעלְבֶּע צָרָה וָואס אִיר הָאט אוּן נָאךְ מֶער, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן וַוייטֶער מְכַבֵּד גֶעוֶועזְן דֶעם מַאן אוּן גֶעוִויזְן לִיבְשַׁאפְט וְכוּ', אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט הָאבְּן זֵיי אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט; וֶוען דֶער מַאן פְלֶעגְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטוּבּ פְלֶעגְן זֵיי קַייכְן אוֹיפְ'ן קוֹל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר לַאנְגֶע חֲדָשִׁים אוּן יָארְן, אוּן וֶוען דֶער מַאן אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָפְּגֶעוַואשְׁן דֶעם פָּנִים אוּן גֶעמַאכְט שֵׁיין כְּאִילּוּ לֹא הָיָה, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט צֶעבְּרֶעכְן זֵייעֶר שְׁטוּבּ, אוּן בַּיים סוֹף הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶעפִירְט, זֵיי הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט זֵייעֶר מַאן צוּ אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט הֶערְלִיכֶע דוֹרוֹת.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן הָאבְּן שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי אִים אִיבֶּער צוּ דְרֵייעֶן.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה לֶךְ תש"פ)

>>>>>>

לֶערְנֶען דֶערְפוּן פַאר שְׁפֶּעטֶער, אוּן עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס זָאל מֶער נִישְׁט פַּאסִירְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין אוּן וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם הוֹיבְּט זִיךְ נָאר אָן וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. מֶען הַאלְט אִין אֵיין הַאלְטְן קָאפּ וָואס דֶער צְוֵוייטֶער וֶועט זָאגְן צוּ מִיר. אוּן דַאן, וֶוען מֶען הָאט אַ שְׁטְרוֹיכְלוּנְג, וֶוערְט מֶען גְלַייךְ צוּקְלַאפְּט "אוֹי וֵויי, יֶעצְט וֶועט יֶעדֶער זֶען אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְט". אַ פַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אָבֶּער נִישְׁט קוּקְן דֶערוֹיף. עֶר וֶועט פַארְשְׁטֵיין אוּן וִויסְן אַז דִי מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע קוּקְן אָדֶער קְרוּמֶען אוֹיף אִים, וֶועלְן אִים גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן. אוּן אוֹיבּ וִויל עֶר מַצְלִיחַ זַיין דַארְף עֶר זִיךְ נִישְׁט צוּקְרַאצְן פוּן וָואס אַנְדֶערֶע טְרַאכְטְן אוּן זָאגְן אוֹיף אִים. נָאר נוּצְן זַיינֶע דוּרְכְפֶעלֶער אוֹיף זִיךְ בֶּעסֶער אוֹיפְצוּהוֹיבְּן אוּן גֵיין וַוייטֶער מִיט אַ שְׁטַארְקַייט בִּיז עֶר וֶועט סוֹף כָּל סוֹף מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם מִיטְ'ן תָּם (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט') אַז דֶער חָכָם הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעקוּקְט וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוֹיף אִים, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק גֶעקוּקְט צוּ זֶען אוֹיבּ מֶען לַאכְט נִישְׁט פוּן אִים, אוּן כָאטְשׁ עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קְלוּג, אִיז עֶר צוּם סוֹף אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ טִיפֶע גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע. וִוידֶער דֶער תָּם אִיז טַאקֶע נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי קְלוּג, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעהַאט דִי מַעְלָה אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקוּקְט וָואס אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוֹיף אִים, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן: "וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט יֶענֶעם? דָאס אִיז זַיין מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה. פַארְוָואס זָאל אִיךְ קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם?", אוּן דוּרְךְ דֶעם הָאט עֶר טַאקֶע גָאר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן דֶער מִינִיסְטֶער אִיבֶּער אַלֶע מִינִיסְטָארְן.

### אַ הִילְף צוּ גֵיין

מִיר זֶעעֶן בְּגַשְׁמִיּוּת אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ אוּן צוּקְלַאפְּט זִיךְ, אוּן עֶר שְׁפִּירְט אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין אוֹיפְשְׁטֶעלְן, דַאן וֶועט עֶר זוּכְן אוּן בֶּעטְן הִילְף פוּן אַ צְוֵוייטְן וָואס זָאל אִים גֶעבְּן אַ הַאנְט אוּן אִים הֶעלְפְן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן.

בְּרוּחֲנִיּוּת אִיז דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין אוֹיפְהוֹיבְּן, עֶר זֶעט אַז עֶר פַאלְט אוּן פַאלְט, דַארְף עֶר גֵיין צוּ אַ צַדִּיק וָואס זָאל אִים קֶענֶען גֶעבְּן אַ הַאנְט אַז עֶר זָאל קֶענֶען שְׁטֵיין אוֹיף דִי פִּיס.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן ט"ז) אַז וֶוען אַ אִיד אִיז מְקוּשָּׁר צוּ אַ צַדִּיק, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן. דֶער אֱמֶת'עֶר צַדִּיק לֶערְנְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אוּן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן מִיט אַ שְׁטַארְקַייט אִין יֶעדְן מַצָּב, אוּן דָאס וֶועט הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט פַאלְן קֵיינְמָאל. מֶען דַארְף נָאר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל טְרֶעפְן דֶעם רִיכְטִיגְן צַדִּיק וָואס קֶען דָאס בַּאוַוייזְן, אוּן נִישְׁט זִיךְ לָאזְן נַארְן אוּן גֵיין צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס קֶען גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה אִיבֶּער דֶעם וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זוּכְן דֶעם רִיכְטִיגְן עֶרְלִיכְן אִיד וָואס קֶען אִים טַאקֶע הֶעלְפְן. אַ אִיד אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט דָאס הַארְץ אַז עֶר אִיז לַיידֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט גָאר הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת אוּן עֶר זוּכְט אַ וֶועג אַרוֹיס, וִוי אַזוֹי עֶר קֶען דָאס פַארֶערְכְטְן אוּן תְּשׁוּבָה טוּן.

זַיין רֶבִּי הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט אוּן אִים קְלָאר גֶעשְׁטֶעלְט אַז זַיין תְּשׁוּבָה אִיז גָאר שְׁוֶוער, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג וִוי אַזוֹי אִים צוּ הֶעלְפְן, נָאר עֶר וָואלְט אִים גֶע'עֵצָה'ט אַז עֶר זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם הֵיילִיגְן "חֲזוֹן אִישׁ", נָאר עֶר וֶועט אִים קֶענֶען הֶעלְפְן. דֶער אִיד אִיז דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן פוּן דִי עֵצָה, עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי'ן אַז נָאר דָאס זָאל עֶר נִישְׁט הֵייסְן, וַוייל דָאס וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אִיז אִים אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְגֶעקוּמֶען, עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן מַמָּשׁ מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט דִי כּוֹחוֹת צוּ גֵיין צוּם חֲזוֹן אִישׁ צוּ בֶּעטְן אַ תְּשׁוּבָה. דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶּער גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה פַאר אִים. בְּלֵית בְּרֵירָה הָאט דֶער אִיד מִיט אַ צוּבְּרָאכֶענֶע הַארְץ גֶעמוּזְט מַסְכִּים זַיין צוּ דֶעם, אוּן עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר זַיין רֶבִּי'ן אַז עֶר וֶועט צוּרִיק קוּמֶען דֶערְצֵיילְן וָואס דֶער חֲזוֹן אִישׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט.

וֶוען דֶער אִיד אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם חֲזוֹן אִישׁ אִיז אַרוֹיפְגֶעפַאלְן אוֹיף אִים אַזַא פַּחַד אוּן שְׁרֶעק, אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אֲפִילוּ אַרוֹיסְרֶעדְן אַ וָוארְט, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן אַז עֶר גֵייט שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן, עֶר וֶועט פַארְגֶעסְן פוּן אַלֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין זִיכֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן חֲזוֹן אִישׁ, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְרֶעדְן אַ וָוארְט.

דֶער חֲזוֹן אִישׁ הָאט אִים גֶעשְׁטַארְקְט אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל פוּן הַיינְט אָן פְּרוּבִּירְן זִיךְ צוּ פִירְן נָאר עֶרְלִיךְ אוּן גֵיין נָאר אוֹיף גוּטֶע וֶועגְן, אוּן עֶר זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָה בְּרוּרָה".

דֶער אִיד אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן. עֶר אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין רֶבִּי'ן אוּן אִים גֶעדַאנְקְט פַארְ'ן שִׁיקְן צוּם הֵיילִיגְן חֲזוֹן אִישׁ, עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט וָואס דֶער חֲזוֹן אִישׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים מִיטְ'ן מִשְׁנָה בְּרוּרָה, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מַקְפִּיד צוּ זַיין אוֹיף יֶעדֶע הֲלָכָה עֶס מְקַיֵּים צוּ זַיין וִוי מֶען דַארְף, אוּן עֶר אִיז טַאקֶע גֶעוָוארְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דִי אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער וָואס אַ מֶענְטְשׁ גֵייט דוּרְךְ, דַארְף נָאר גֶענוּצְט פַארְ'ן צְוֶועק זִיךְ אוֹיפְצוּהוֹיבְּן אוּן גֵיין וַוייטֶער, אוּן נִישְׁט אוֹיף פַארְקֶערְט ח"ו, צוּ וֶוערְן צוּבְּרָאכְן אוּן אַלֶעס אוֹיפְגֶעבְּן. אוּן אוֹיבּ קֶען מֶען דָאס נִישְׁט אַלֵיין בַּאוַוייזְן, דַאן דַארְף מֶען זוּכְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ צַדִּיק וָואס זָאל לֶערְנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וִוי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן. וֶוען אַ אִיד וֶועט זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועט עֶר זִיכֶער שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ נְפִילָה, וְחֵלֶק ד' עֶרֶךְ כִּשָּׁלוֹן וְעֶרֶךְ צַדִּיק)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (מה)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי קוּמְט אָן אִין שְׁטָאט אִיסְטַאנְבּוּל, אוֹיפְ'ן וֶועג צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ווִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רוֹדְפְ'ן, זֵיי הָאבְּן חוֹשֵׁד גֶעוֶועןְ דֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶר פָּארְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ מַאכְן דָארְט מַחְלוֹקֶת אוֹיפְ'ן צַדִּיק רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע.**

**ריא**

זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וֶועט שׁוֹין זַיין דָארְט אַ בְּרִיוו וָואס וֶועט לָאזְן וִויסְן פַאר דִי דָארְטִיגֶע אִידְן אַז עֶר אִיז פוּן דִי חוֹלְקִים אוּן שְׁפִּיָאנֶען, אַזוֹי וֶועט עֶר זֵיי נִישְׁט קֶענֶען פַארְנַארְן.

**רבי**

דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם אַגֶענְט פוּן דִי שִׁיפְן, יֶענֶער אִיז גֶעקוּמֶען פוּן פּוֹלִין אָבֶער עֶר הָאט דָארְט חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ אַ סְפַרְדִ'ישֶׁע פְרוֹי, אוּן זַיין שְׁוִויגֶער אִיז גֶעוֶוען אַן אָפְּטֶער גַאסְט בַּיים אָרְטִיגְן הֶערְשֶׁער. דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוֶוען אַ אַיינְפְלוּסְרַייכֶער מֶענְטְשׁ דָארְטְן, אוּן דֶערִיבֶּער זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען צוּ יֶענֶעם אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן, "לְמַעַן הַשֵּׁם זָאלְסְטוּ נִישְׁט לָאזְן דֶעם מֶענְטְשׁ פָּארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל עֶר אִיז פוּן דִי חוֹלְקִים אוּן עֶר ווִיל דָארְט מַאכְן אַ גֵירוּשׁ, חַס וְחָלִילָה. אוּן אוֹיבּ קֶענְסְטוּ אִים עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס טוּן מִיט סַיי וָואס, וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען פַאר דֶעם אַסַאךְ שְׂכַר פוּן הִימְל".

דֶער רֶבִּי מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן דֶעם אַז דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אָנְגֶערֶעדְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף זֵיי פַאר דֶעם אַגֶענְט פוּן דִי שִׁיפְן.

**ריג**

דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעמַאכְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן גָאר אַסַאךְ בִּזְיוֹנוֹת דִי גַאנְצֶע צַייט, דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶער אַלֶעס גֶעלִיטְן אוּן גֶעשְׁוִויגְן, עֶר הָאט בְּשׁוּם אוֹפָן זֵיי נִישְׁט גֶעוָואלְט אַנְטְפְּלֶעקְן וֶוער עֶר אִיז, עֶר הָאט זֵיי פַארְנַארְט אוּן צֶעמִישְׁט זֵייעֶר שְׁטַארְק. זֵיי הָאבְּן אִים אַסַאךְ אָנְגֶעשְׁרִיגְן אוּן פַארְשֶׁעמְט אוֹיף דֶעם וָואס עֶר טוּישְׁט כְּסֵדֶר זַיינֶע וֶוערְטֶער.

אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶערֶעדְט מִיט זֵיי בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעמֵיינְט אוֹיף זִיכֶער אַז עֶר קוּמְט פוּן לַאגוֹרְנָא, אוּן דֶערְנָאךְ וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז ס'אִיז נִישְׁט אֶמֶת, הָאבְּן זֵיי אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק מְבַזֶּה גֶעוֶוען.

אַ צְוֵוייטֶע מָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט מִיט זֵיי אוּן עֶס הָאט זִיךְ זֵיי גֶעדַאכְט אַז עֶר אִיז אַ זוּן פוּנֶעם קָאמַארְנֶער מַגִּיד [רֶבִּי מֹשֶׁה יוֹסֵף לִיקְוַוארְנִיק, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ מַגִּיד אִין קָאמַארְנָא, אוּן שְׁפֶּעטֶער אִין סַאדִיגוּרָא], וָואס ווִי בַּאקַאנְט אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת, אָבֶער שְׁפֶּעטֶער אִינְמִיטְן רֶעדְן הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן שֶׁעלְטְן דֶעם קָאמַארְנֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים אָנְגֶעשְׁרִיגְן, "דָאס אִיז דָאךְ דַיין טַאטֶע!", אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז זֵיי הָאבְּן נָאכְאַלְץ נִישְׁט אוֹיסְגֶעפוּנֶען וֶוער עֶר אִיז.

יֶעדֶעס מָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהַאט אַן אַנְדֶערֶע נָאמֶען, אוּן מִיט סַיי וֶועלְכֶע נָאמֶען זֵיי הָאבְּן אִים גֶערוּפְן, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן. אֵיינְמָאל הָאבְּן זֵיי אִים פְּלוּצְלִינְג גֶערוּפְן מִיטְ'ן נָאמֶען יְשַׁעְיָה, צוּ זֶען אוֹיבּ עֶר אִיז טַאקֶע דֶער זוּן פוּנֶעם קָאמַארְנֶער וָואס הָאט גֶעהֵייסְן יְשַׁעְיָה, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז גְלַייךְ גֶעקוּמֶען צוּ זֵיי, אוּן פוּן דֶעם הָאבְּן זֵיי בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר אִיז זִיכֶער אַ זוּן פוּנֶעם קָאמַארְנֶער, אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי אוֹיפְגֶעווִיזְן מִיט רְאָיוֹת אַז עֶר אִיז נִישְׁט זַיין זוּן. דֶערְוַוייל הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן פוּן אַ מַתָּנָה וָואס דֶער קָאמַארְנֶער הָאט גֶעשִׁיקְט צוּ זַיין זוּן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּעטְן בַּיי זֵיי אַז זֵיי זָאלְן אִים

<<<<<<

>>>>>>

צו לערנען יעדן טאג א בלאט גמרא. מוהרא"ש פלעגט כסדר נאכזאגן פון ספר ווי העמודים אז "א בלאט גמרא א טאג איז א חיוב אויף א מענטש ווי הנחת תפילין". איי דו האסט נישט קיין קאפ? דו האסט טירדות? דיין חבורתא קומט נישט? נעם דיר דעם סדר דרך הלימוד פון הייליגן רבי'ן און זאג די הייליגע ווערטער פון די גמרא, אזוי וועסטו זוכה זיין צו ענדיגן גאנץ ש"ס און גלייכצייטיג דורכגיין כל התורה כולה.

פאר זיבן יאר צוריק זענען געווען פילע אינגעלייט און בחורים וואס האבן זיך צוגעהערט וואס מוהרא"ש זאגט, און טאג איין טאג אויס האבן זיי זיך נישט געלייגט שלאפן איידערן לערנען א בלאט גמרא. יעצט נאכ'ן הארעווען זיבן יאר, הזורעים בדמעה ברנה יקצורו, וועלן זיי יעצט זוכה זיין זיך צו פרייען מיט דעם גרויסן שמחת התורה, צו ענדיגן כל הש"ס כולה.

צו דעם גרויסן געלעגנהייט האט מען אפגעדינגען דעם גאנצן האטעל מיט אלע צימערן, וואו אלע תלמידי היכל הקודש וועלן ארויסקומען מיט זייערע משפחות און פארברענגען דעם גאנצן שבת קודש מיט א רייכער פראגראם. די אלע וואס האבן שוין מיטגעהאלטן אמאל א שבת התוועדות מיט'ן ראש ישיבה שליט"א, ווייסן די געשמאק דערפון; אזא הערליכע שבת איז ממש מעין עולם הבא.

געציילטע צימערן זענען נאך עוועליבעל, און ווער ס'האט זיך נאכנישט געמאלדן ווערט געבעטן צו רעזעווירן א צימער ווי שנעלער, ביי די חשובע אינגעלייט וואס געבן זיך אפ מיט די הכנות צו דעם געהויבענעם שבת, וכל הקודם זכה.

**בארא פארק** - ר' אלי' קנאלל **718-506-4341**. **וויליאמסבורג** - ר' ליפא שווארץ **917-541-1197**. **מאנסי** - ר' ברוך יאקאבאוויטש **917-789-3095**. **קרית יואל** - ר' יואל שניטצלער **845-248-8044**.

**השבת נועם הנשמות!**

***

## בחורים פרייען זיך ביי א חתונה פון א תלמיד הישיבה

דעם דינסטאג האבן די בחורים פון ישיבה זיך מיטגעפריידט און געטאנצן ביי די שמחת החתונה פון החתן מו"ה ארי פיש ב"ר זעליג הי"ו, עב"ג בת ר' משה שטיינבערג הי"ו, וואס איז פארגעקומען אין די פרישע ביליגע זאל "כרם מנחם" אין בארא פארק.

אזוי ווי ביי אלע חתונות פון ישיבה, איז די חתונה געווען גאר לעבעדיג און דערהויבן, די בחורים האבן געטאנצן פרייליך און משמח געווען אויף א הערליכן און איידעלען פארנעם.

דער חתן ארי הי"ו איז גאר שטארק באליבט ביי יעדן ובפרט ביי די בחורים פון ישיבה, זייענדיג דער וואס העלפט אזויפיל ארויס די ישיבה צו יעדע געלעגנהייט, אויסער זיין ערליכקייט, געוואלדיגע התמדת התורה, און גוטע מדות, אויף וואס יעדער קען מעיד זיין, נוצט ער אויס די איבריגע צייט צוצולייגן א האנט ווען ס'פעלט נאר אויס, זיך אפצוגעבן מיט די טראנספארטעישאן פון די מוסדות, צוצושטעלן די קאמפיינס פון די מוסדות, און אזוי ווייטער ארויסצוהעלפן מיט אלעס וואס איז נאר שייך.

זאל דער אייבערשטער העלפן אז די געוואלדיגע זכותים זאלן אים באגלייטן אלעמאל, ער זאל האבן א גליקליך לעבן, עס זאל אים קיינמאל גארנישט פעלן אין לעבן, עס זאל זיין א קשר של קימא, געזונט פרנסה מיט נחת מיט דורות ישרים ומבורכים.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




## עֶנְדֶערְשׁ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ לוֹיפְן צוּ אַן הַצָּלָה רוּף?

***שְׁאֵלָה:***

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט כְּסֵדֶר אַז מְ'זָאל עֶנְדֶערְשׁ זַיין אִינְדֶערְהֵיים אוּן הֶעלְפְן דִי וַוייבּ, ווִי אֵיידֶער אַרוֹיסְצוּגֵיין הֶעלְפְן חֲבֵרִים, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אִין זְכוּת פוּן הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אַ שְׁטֵייגֶער ווִי דִי אָרְגַאנִיזַאצִיעֶס "הַצָּלָה", "שׁוֹמְרִים", "חֲבֵרִים", אוּן דָאס גְלַייכְן.

אִיךְ בִּין אַן הַצָּלָה מַאן, אוּן אִיךְ דַארְף אַסַאךְ מָאל אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ צוּ גֵיין הֶעלְפְן אוּן רַאטֶעוֶוען אִידְן, ווִי אַזוֹי וֵוייס אִיךְ וֶוען אִיךְ דַארְף יָא גֵיין, אוּן וֶוען אִיךְ דַארְף עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן הֶעלְפְן אִינְדֶערְהֵיים?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"ב חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק מִיט דֶעם וָואס דוּ רַאטֶעוֶועסְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דוּ בִּיסְט אַן הַצָּלָה מַאן אוּן דוּ גֶעבְּסְט זִיךְ אַוֶועק צוּ רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אָבֶער אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט דַארְפְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען דַארְף אוֹיךְ הֶעלְפְן דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; מֶען קֶען נִישְׁט אַוֶועק לוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ וֶוען דִי וַוייבּ אִיז אָנְגֶעווִיזְן אוֹיפְ'ן מַאן מִיטְ'ן אוֹיסְרֵייד: "הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע". אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט פוּן גֵיין הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע הָאט מֶען דִי מִצְוָה פוּן הֶעלְפְן דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט ווִיסְן וֶוען יָא צוּ גֵיין אוּן וֶוען נִישְׁט צוּ גֵיין; וֶוען מֶען רוּפְט דִיר צוּ רַאטֶעוֶוען אַ צְוֵוייטְן, ווִי לְמָשָׁל אֵיינֶער הָאט גֶע'חַלְשְׁ'ט, אֵיינֶער אָטֶעמְט נִישְׁט - דֶעמָאלְט דַארְף מֶען לוֹיפְן וָואס שְׁנֶעלֶער אוּן מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַארְזוּימֶען קַיין רֶגַע, אָבֶער וֶוען מֶען רוּפְט דִיר אַז אֵיינֶער הָאט זִיךְ צֶעשְׁנִיטְן, צֶעבְּרָאכְן אַ בֵּיין וְכוּ' וְכוּ', דֶעמָאלְט וֶוענְדְט זִיךְ דִי מַצָּב אִין שְׁטוּבּ; אוֹיבּ דַיין וַוייבּ אִיז אָנְגֶעווִיזְן אוֹיף דִיר דַארְפְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אוּן לָאזְן דִי מִצְוָה פַאר אַ צְוֵוייטְן.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; שְׁמוּעֶס אַסַאךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, סַיי דִי גוּטֶע זַאכְן אוּן סַיי דִי שְׁוֶועריִקְייטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד וֶוערְט אִים זַיין מֹחַ קְלָאר, עֶר וֵוייסְט וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן בַּיי יֶעדֶע פַאל.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּרָא תש"פ)

**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 845-200-7132**




BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

וַוייזְן זַיין מַתָּנָה, הָאבְּן זֵיי שׁוֹין ווִידֶער גֶעזֶען אַז עֶר אִיז יָא זַיין זוּן, אוּן נִישְׁט לַאנְג שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער רֶבִּי ווִידֶער גֶעשָׁאלְטְן דֶעם קָאמַארְנֶער. אוּן אַזוֹי זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעמִישְׁט אוּן גֶערֶעגְט, אוּן אַסַאךְ גֶעשְׁרִיגְן אוּן פַארְשֶׁעמְט דֶעם רֶבִּי"ן.

וֶוען זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט, "פַארְוָואס רוּפְסְטוּ זִיךְ יֶעדֶעס מָאל מִיט אַ צְוֵוייטְן נָאמֶען? אוּן פַארְוָואס הַאלְסְטוּ אִין אֵיין טוּישְׁן דַיין פְּלַאץ פוּן וואוּ דוּ קוּמְסְט?", הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אַזוֹי ווִי יֶעדֶע נָאמֶען אִיז לוֹיט דִי מִדָּה אוּן סְפִירָה צוּ וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ בַּאלַאנְגְט, אוּן אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' דִי אַלֶע מִדּוֹת, דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ אַלֶע נֶעמֶען" (עַיֵין פַּרְדֵּס רִמּוֹנִים, שִׁיעוּר קוֹמָה ה').

**ריד**

עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיפְ'ן רֶבִּי"ן דָארְט זֵייעֶר אַסַאךְ צָרוֹת אוּן בִּזְיוֹנוֹת פוּן דִי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן, דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער גֶעטוּן אַלֶע מִינֵי פְּעוּלוֹת אַז זֵיי זָאלְן אִים נָאךְ מֶער פַארְשֶׁעמֶען. אַסַאךְ מָאל הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן שְׁלָאף אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מִיט זֵיי, בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן אִים נָאךְ מֶער גֶעשָׁאלְטְן אוּן פַארְשֶׁעמְט.

אֵיינְמָאל אִין אַ פְרַייטָאג זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן מִקְוֶה, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעלִיגְן אוֹיפְ'ן בֶּעט בָּארְוֶועס אוּן אָן אַ גַארְטְל אוּן הוּט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעפְרֶעגְט, "פַארְוָואס אַ גַאנְצֶע וָואךְ אִיז מַיין קֶערְפֶּער זֵייעֶר גְרִינְג, אוּן יֶעצְט אִיז עֶס אַזוֹי שְׁוֶוער? אִיךְ קֶען זִיךְ כִּמְעַט נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֶעלְן פוּן פְּלַאץ". הָאבְּן זֵיי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "וַוייל יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ גֵייט דִי נְשָׁמָה אַרוֹיף, אוּן דִי נְשָׁמָה יְתֵירָה קוּמְט אַרָאפּ (עַיֵין בֵּיצָה ט"ז:), אָבֶּער בַּיי דִיר אִיז דַיין נְשָׁמָה טַאקֶע אַרוֹיפְגֶעגַאנְגֶען, אָבֶּער אַ נְשָׁמָה יְתֵירָה בִּיסְטוּ נִישְׁט זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען, אוּן דֶערְפַאר אִיז דַיין גוּף גֶעבְּלִיבְּן ווִי אַ שְׁטֵיין". הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעזָאגְט, "וֶויי אִיז עֶנְק, אֲפִילוּ אַזַא גְרִינְגֶע זַאךְ קֶענְט אִיר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן".

דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעבֶּעטְן אַז זֵיי זָאלְן אִים אַרַיינְנֶעמֶען אוֹיף שַׁבָּת, זֵיי הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶועןְ. נָאר ר' יִצְחָק וָואס אִיז גֶעוֶוען מִיטְ'ן רֶבִּי"ן הָאבְּן זֵיי אַרַיינְגֶענוּמֶען אוֹיף שַׁבָּת. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמוּזְט עֶסְן שַׁבָּת נָאר מִילְכִיג, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶסְן קַיין פְלֵייש דָארְט, זֵיי הָאבְּן אָבֶּער גֶעהַאט דָארְט עֶפֶּעס אַ שׁוֹחֵט, הָאבְּן זֵיי יָא גֶעהַאט פְלֵייש אוֹיף שַׁבָּת.

אוֹיךְ אוּם שַׁבָּת הָאבְּן זֵיי גֶעפִירְט אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת מִיטְ'ן רֶבִּי"ן, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט אַרוֹיסְוַוארְפְן, וַוייל עֶר אִיז אַרַיין צוּ זֵיי אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט מִיטְגֶעגֶעסְן, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן קְרִיגְן מִיט אִים בִּיז זֵיי הָאבְּן אִים גֶעוָואלְט אַרוֹיסְשְׁטוֹיסְן, אוּן סְ'אִיז גֶעוָוארְן דָארְט אַ גְרוֹיס גֶעפִילְדֶער. אוֹיךְ שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי.

**רטו**

דֶער רֶבִּי הָאט דָארְט גֶעטוּן אַסַאךְ קִינְדֶערִישֶׁע אוּן נַארִישֶׁע זַאכְן, וָואס מְ'קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן אוּן דֶערְצֵיילְן. עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּן מִיט אַ צֶערִיסֶענֶער מַלְבּוּשׁ, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען בָּארְוֶועס אָן שִׁיךְ אוּן אָן קַיין הוּט, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט דָארְטְן ווִי אַ פְּרָאסְטֶער יוּנְג, מִיט אַ שְׁטֶעקְן אִין הַאנְט, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּילְט מִיט דִי יוּנְגְוַוארְג, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁפִּילְט אַזוֹי ווִי אַ מִלְחָמָה אֵיינֶער קֶעגְן צְוֵוייטְן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט עֶר גֶעטוּן דָארְט פַאר אַ שְׁטִיק צַייט אַסַאךְ אַזֶעלְכֶע סָארְט קִינְדֶערִישֶׁע אוּן נַארִישֶׁע זַאכְן.

**רטז**

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט פַאר זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק, אַז דִי קַטְנוּת אוּן בִּזְיוֹנוֹת וֶועט אִים זַיין אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה בַּיים גֵיין אוּן קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל עֶר זֶעט אַז סְ'דַארְף קוּמֶען אוֹיף אִים גָאר שְׁוֶוערֶע אוּן גְרוֹיסֶע מְנִיעוֹת אוֹיפְ'ן וֶועגְן, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען אָנְקוּמֶען אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נָאר דוּרְךְ דִי קַטְנוּת.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען נִישְׁט דִי בִּזְיוֹנוֹת אוּן קַטְנוּת, וֶועט עֶר בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט קֶענֶען זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶר וֶועט שׁוֹין מוּזְן שְׁטַארְבְּן דָארְט אִין אִיסְטַאנְבּוּל, אוּן נָאר דִי קַטְנוּת אוּן בִּזְיוֹנוֹת רַאטֶעוֶוען אִים. וַוייל פַאר מְ'קוּמְט אָן צוּ גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן, דַארְף מֶען קוֹדֶם פַאלְן גָאר נִידְרִיג, אוּן אַזוֹי ווִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז גַדְלוּת דְגַדְלוּת, מוּז עֶר קוֹדֶם אַרַיינְפַאלְן אִין קַטְנוּת דְקַטְנוּת.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶערְפַאר הָאט זַיין זֵיידֶע, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרָאפְּלָאזְן צוּ אַזַא נִידְרִיגֶע קַטְנוּת.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## שיינער שידוך פון א תלמיד הישיבה

דער ווינטער זמן האט זיך אנגעהויבן מיט'ן רעכטן פוס, ווען נאך א בחור פון ישיבה איז א חתן געווארן למזל טוב. הבה"ח משה נ"י בן מו"ה חיים עקשטיין הי"ו, איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג בת מו"ה נתנאל אייזנער הי"ו.

דער חתן איז א תלמיד הישיבה וואו ער האט פלייסיג געלערנט און געענדיגט פילע חלקים פון די תורה, אין די פרייע צייט איז ער אלץ גרייט געווען צוצולייגן א האנט און צו העלפן די הייליגע ישיבה, ער האט נישט געקוקט אויף גארנישט און געטון מיט גרויס חשק אלעס וואס ער האט נאר געקענט צו משמש זיין דעם הייליגן רבי'ן.

דעם פארגאנגענעם סוף יאר האט דער חתן געלערנט פערציג מאל מסכת תענית, פון חמשה עשר באב ביז ראש השנה, אזוי ווי מוהרא"ש האט צוגעזאגט פאר די בחורים אז דורך דעם וועלן זיי זוכה זיין צו טרעפן זייער שידוך, און יעצט האט ער ב"ה זוכה געווען אנצוקומען צו דעם גליקליכן מינוט. גלייכצייטיג איז דער חתן געווען אין יבנאל, ביים ציון הקדוש פון מוהרא"ש זי"ע, דארט האט ער אויסגעזאגט גאנץ ספר תהלים ברציפות, אזוי ווי מוהרא"ש האט צוגעזאגט, און געהייסן דאס ארויפקריצן אויף זיין מצבה, אז יעדער בחור אדער מיידל וואס וועט קומען צו זיין קבר און דארט אויסזאגן גאנץ ספר תהלים ברציפות, וועט ער זיך משתדל זיין פאר זיי אז זיי זאלן טרעפן זייער שידוך גרינג און שנעל.

די כלה תחי' האט פארברענגט דעם פארגאנגענעם זומער אין די קעמפ "בית פיגא", און זיך אנגעזאפט מיט די לימודים פון הייליגן רבי'ן.

די קלוגע חתן און כלה האבן גענומען די לימודים פון ישיבה און פון סקול מיט א שטארקייט, און געזאגט פאר זייערע עלטערן אז זיי זענען בכלל נישט אינטערעסירט אין די נארישע געלט אויסברענגעריי וואס קומט לײדער פאר ביי אידישע שמחות, ווען טייכן אידיש בלוט ווערט פארגאסן, מחותנים מוזן זיך אנבארגן שווערע געלטער צו קענען צופרידן שטעלן די אזוי-גערופענע חברים וואס זאלן באוואונדערן די טייערע שמחה, די פרישע חתן און כלה דארפן דאס בכלל נישט האבן, זייער ציל איז נאר אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל, טון דעם רצון ה', און גארנישט מער פון דעם.

עס איז ערווארטעט אז די חתונה וועט פארקומען בשעה טובה ומצלחת אין ישיבה, און אזוי ווי ביי אלע פריערדיגע חתונות וועט די חתונה נאכט אויך דאס מאל נישט קאסטן קיין איין פרוטה פאר די מחותנים.

די חשובע מחותנים זענען זייער דאנקבאר פאר'ן ראש ישיבה שליט"א, וואס ברענגט אריין אין די בחורים און אין די קינדער פון די הייליגע מוסדות אז זיי זאלן וויסן און פארשטיין וואס דער ציל אין לעבן דארף זיין, נישט זוכן קיין אויפמערקזאמקייט מיט טייערע שמחות וואס ברענגט נישט קיין נוצן פאר קיינעם, נאר רחמנות האבן אויף די עלטערן און זען אז די שמחות זאלן קאסטן ווי ווייניגער.

די בחורים פון ישיבה פרייען זיך מיט מיט די שמחה. דער אייבערשטער זאל העלפן ס'זאל זיין א קשר של קימא און בנין עדי עד, מיט דורות ישרים ומבורכים.

**דבר נאה ומתקבל!**

***

## געציילטע צימערן נאך געבליבן ביים "שבת התוועדות - סיום הש"ס"

אנשי שלומינו חסידי ברסלב היכל הקודש גרייטן זיך מיט גרויס שמחה צום גרויסן "שבת התוועדות - סיום הש"ס", דעם קומענדיגן שבת קודש פרשת ויגש הבעל"ט, וואס וועט בעזרת השם יתברך געפראוועט ווערן אינעם שיינעם "קראון פלאזא האטעל", אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה שליט"א.

ביי יעדן אינגערמאן מאנשי שלומינו איז א פשוטע זאך אז איינע פון די ערשטע שיעורים איז

<<<<<<


## על הטוב יזכרו המנדבים להפצת הגליון

**בארא פארק - החתן צבי אלימלך אונגאר הי"ו, צו זיין שמחת החתונה למז"ט**

**באווארפן שב"ק פ' ויראַ בביהמ"ד בית מרדכי סעמיהאי. 5820 21 Ave.**

**חתונה דאנערשטאג פ' חיי שרה אין זאל "תפארת רבקה" 1257 38 St.**

**שמחת חתן וכלה בשעה 9:30**

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

**החתן משה עקשטיין הי"ו**

**וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג**

***

**מו"ה ארי פיש הי"ו**

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג**

## מ'האט מיר בא'עוול'ט!

מענטשן האבן אייך בא'עוול'ט אין לעבן?

ווי אזוי באהאנדלט מען דאס?

הערט א רייכע שיעור איבער די נושא

**212-444-9191**

**2, 1, 6, 1, 19**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-351-0910 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-351-9060 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**